בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְכוֹת

גליון פ"ב

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת וירא
שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

### דִי שִׁיעוּרִים זֶענֶען גֶעאֵייגְנְט פַאר יֶעדְן

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז עֶס קוּמְט מִיר אוֹיס צוּ רֶעדְן צוּ דִי מְלַמְּדִים. אִיךְ הָאף אַז מֶען וֶועט אוֹיךְ גֶעבְּן צוּ הֶערְן דֶעם שִׁיעוּר פַאר אַלֶע לֶערֶערִינְס פוּן בֵּית פֵּיגָא; פוּן שְׁטֶעטְל, פוּן ווילְיַאמְסְבּוּרְג, פוּן קִרְיַת יוֹאֵל, פוּן יְרוּשָׁלַיִם אוּן פוּן טְבֶרְיָה, אוּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף גֵייעֶן מִיר חוֹדֶשׁ אֱלוּל עֶפֶענֶען נָאךְ אַ בֵּית פֵּיגָא אִין בְּנֵי בְּרַק. אוֹיךְ אִיז דֶער שִׁיעוּר גֶעאֵייגְנְט פַאר עֶלְטֶערְן צוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אִינְדֶערְהֵיים מִיט דִי קִינְדֶער.

מִיר הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט קַיין חִידוּשִׁים, מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַלֶעס גֶעזָאגְט, מֶען דַארְף נָאר אִיבֶּער חַזֶרְ'ן אוּן זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיפְצוּפְרִישְׁן מִיט אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן.

### מֶען דַארְף לִיבּ הָאבְּן דֶעם קִינְד

דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס מְלַמְּדִים, לֶערֶערִינְס אוּן עֶלְטֶערְן דַארְפְן וִויסְן; אַז מֶען וִויל מְחַנֵךְ זַיין אַ קִינְד, דַארְף מֶען לִיבּ הָאבְּן דֶעם קִינְד.

אוֹיבּ דוּ הָאסְט לִיבּ אַ קִינְד, - וֶועט אַלֶעס וָואס דוּ גֵייסְט אִים זָאגְן, אַרַיינְגֵיין אִין זַיין הַארְץ, זַיינֶע אוֹיעֶרְן וֶועלְן עֶס דֶערְהֶערְן אוּן עֶר וֶועט עֶס אָנְנֶעמֶען. אֲפִילוּ עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן אוֹיף הַיינְט, בַּאלְד וֶועסְטוּ דַארְפְן אִיבֶּערְזָאגְן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, גֵייעֶן אָבֶּער דִי וֶוערְטֶער אַרַיינְגֵיין אִין זַיין הַארְץ.

אוֹיבּ דוּ הָאסְט נִישְׁט לִיבּ אַ קִינְד, - קֶענְסְטוּ שְׁמֵייכְלֶען פוּן הַיינְט בִּיז מָארְגְן, קֶענְסְט אִים זָאגְן: **"אִיךְ הָאבּ דִיךְ אַזוֹי לִיבּ"**, אָבֶּער דָאס קִינְד וֶועט שְׁפִּירְן אַז דוּ הָאסְט אִים בֶּאֱמֶת נִישְׁט לִיבּ. לִיבְּשַׁאפְט אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז 'מָסוּר לְלִבּוֹ שֶׁל אָדָם' (עַיֵּין רַשִׁ"י וַיִּקְרָא יט, יד), אַ קִינְד שְׁפִּירְט אוֹיבּ זַיין מְחַנֵךְ הָאט אִים לִיבּ; אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער פָּסוּק (וַיִּקְרָא יט, יד): **"וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹקֶיךָ"**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט צִי דוּ הָאסְט לִיבּ אַ קִינְד.

### טְרֶעפְן אַ נְקוּדָה טוֹבָה אִינֶעם קִינְד

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַ תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א', סִימָן רפב) וָואס אִיז אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין חֲסִידוּת בְּרֶסְלֶב; דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אִין אַ בְּחִינָה פוּן אַ רָשָׁע - פַאר אַ צַדִיק? אַז מֶען קוּקְט אוֹיף אִים גוּט, מֶען זוֹכְט אִין אִים אַ נְקוּדָה טוֹבָה אוּן מֶען הָאט אִים לִיבּ.

אוֹיבּ מֶען אִיז מְהַפֵּךְ פוּן 'כַּעַס' אוֹיף 'רַחֲמָנוּת', דָאס הֵייסְט, מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן גוּטְס אוֹיף אַ קִינְד: 'אֶפְשָׁר הָאט דָאס קִינְד נִישְׁט גֶעוָואלְט טוּן דֶער זַאךְ', 'אֶפְשָׁר הָאט עֶר עֶס גֶעטוּן וַוייל עֶר הָאט אַ שְׁוֶוערֶע נַאטוּר, עֶר אִיז קִינְדֶערִישׁ, אָבֶּער בֶּאֱמֶת וִויל עֶר זַיין גוּט', קֶען מֶען זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין מִיט קִינְדֶער (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן יח).

### אַ תְּפִילָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז דֶער נַאטוּר פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַז אַ קִינְד וָואס פָאלְגְט נִישְׁט, אָדֶער אַ קִינְד וָואס הֶערְט נִישְׁט צוּ וָואס מֶען זָאגְט, קֶען מֶען אִים נִישְׁט סוֹבֵל זַיין, אוּן מֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן קְרִיגְן מִיט אִים. עֶס זֶענֶען דָא מְלַמְּדִים וָואס וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי רַשִׁ"י פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים (שְׁמוֹת כא, ו): **"אֹזֶן זֹאת שֶׁשָּׁמְעָה עַל הַר סִינַי לֹא תִגְנֹב, וְהָלַךְ וְגָנַב, תֵּרָצַע"**, כַאפְּן זַיי אָן דֶעם אוֹיעֶר פוּן אַ קִינְד וָואס הֶערְט זִיךְ נִישְׁט צוּ וָואס דֶער מְלַמֵּד זָאגְט, אוּן מֶען צִיט עֶס: **"אֹזֶן זֹאת - דוּ הֶערְסְט וָואס אִיךְ רֶעד?!"...**

וִויל אִיךְ עֶנְק בֶּעטְן טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, יֶעדְן טָאג פַאר עֶטְץ גֵייטְס אַרַיין אִין כִּתָּה, אָדֶער פַאר עֶטְץ קוּמְטְס אִין חֵדֶר, מַאכְטְס אַ תְּפִילָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

## חִינּוּךְ מִיט לִיבְּשַׁאפְט

**"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר; דֶער תַּלְמִיד הָאבּ אִיךְ לִיבּ, דֶער אַנְדֶערֶער תַּלְמִיד אִיז פַאר מִיר בַּא'חֵנְ'ט, יֶענֶער תַּלְמִיד הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ לִיבּ וַוייל עֶר גֵייט אָנְגֶעטוּן שֵׁיין, אוּן יֶענֶער תַּלְמִיד הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ לִיבּ וַוייל עֶר גֶעבְּט מִיךְ דִי גֶעפִיל אַז עֶר הֶערְט מִיךְ אוֹיס, וָואס זָאל אִיךְ אָבֶּער טוּן מִיט דֶעם תַּלְמִיד וָואס אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט לַיידְן וַוייל עֶר הֶערְט נִישְׁט וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ אִים, עֶר פָאלְגְט נִישְׁט וָואס אִיךְ הֵייס, אוּן וֶוען אִיךְ וִויל מַאכְן עֶפֶּעס אַן אִיבֶּערְרַאשׁוּנְג פַאר דִי קִינְדֶער מַאכְט עֶר עֶס אַוֶועק", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן מַיינֶע תַּלְמִידִים, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען מַיינֶע קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער".**

### מֶען מוּז מְחַנֵךְ זַיין - אָבֶּער מִיט לִיבְּשַׁאפְט

חִינּוּךְ אִיז אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, וַוייל פוּן אֵיין זַייט קֶען מֶען דָאךְ נִישְׁט זָאגְן אַז מֶען זָאל גָארְנִישְׁט זָאגְן פַאר קִינְדֶער וָואס צוּ טוּן, וַוייל אַז מֶען זָאגְט גָארְנִישְׁט פַאר קִינְדֶער, וֶועלְן זֵיי חַס וְשָׁלוֹם אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה.

דֶער הֵיילִיגֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (שְׁמוֹת רַבָּה א, א) אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט יִשְׁמָעֵאל, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען זַיין עֶרְשְׁטֶער קִינְד, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי יִשְׁמָעֵאל קוּמְט אַהֵיים מִיט אַ גֶעטְשְׁקֶע, עֶר שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט עֲבוֹדָה זָרָה'ס, הָאט עֶר אִים גֶעשׁוֹינְט אוּן גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, דֶערְפַאר אִיז עֶר אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה. יִצְחָק אָבִינוּ הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט עֵשָׂו אוּן עֶר הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, צוּם סוֹף אִיז עֶר אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה. דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעהַאט אַ זוּן אֲדוֹנִיָּה, עֶר הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט, אוּן עֶר הָאט אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט פָארְגֶעהַאלְטְן פַארְוָואס עֶר טוּט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מְלָכִים א', א, ו) **"וְלֹא עֲצָבוֹ אָבִיו מִיָּמָיו לֵאמֹר מַדּוּעַ כָּכָה עָשִׂיתָ"**, אוּן צוּם סוֹף הָאט מֶען אִים גֶע'הַרְגְ'עֶט.

מֶען זֶעט פוּן דֶעם אַז 'נִישְׁט זָאגְן פַאר קִינְדֶער' - אִיז פַּחַד פְּחָדִים, אַלֶע קִינְדֶער וֶועלְן חַס וְשָׁלוֹם אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה; מֶען דַארְף זָאגְן פַאר אַ קִינְד: **"טוּ אַזוֹי"** אוּן **"טוּ אַזוֹי"**.

עֶס זֶענֶען אַלְץ דָא בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן טַעֲנוֹת: **"פַארְוָואס זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר מִיר וָואס צוּ טוּן אוּן פַאר אַנְדֶערֶע זָאגְט נִישְׁט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס צוּ טוּן?"** אִיךְ עֶנְטְפֶער זֵיי: **"אַז דוּ ווִילְסְט קֶען דִיךְ אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן נִישְׁט צוּ זָאגְן; אִיךְ קֶען דִיךְ צוּלֵייגְן צוּ דִי לִיסְטֶע פוּן תַּלְמִידִים וָואס אִיךְ זָאג גָארְנִישְׁט, אוּן אִיךְ קֶען צוּ דִיר שְׁמֵייכְלֶען אַ גַאנְצְן טָאג פוּן צוּפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט... דָאס וָואס אִיךְ זָאג דִיר - אִיז וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אִיךְ הָאבּ נָאךְ הָאפֶענוּנְג אִין דִיר, אוּן פַאר אַנְדֶערֶע זָאג אִיךְ נִישְׁט, אִיךְ שְׁמֵייכְל צוּ זֵיי, וַוייל זֵיי וֶועלְן סֵיי ווִי נִישְׁט צוּהֶערְן"**.

מֶען מוּז זָאגְן פַאר קִינְדֶער וָואס צוּ טוּן, נָאר מֶען דַארְף עֶס זָאגְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער"**.

טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים, גֵייטְס הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער פַארְוָואס קוּם אִיךְ דָא אִין חֵדֶר? אִיךְ קוּם דָא צוּ בַּאקוּמֶען כָּבוֹד? אָדֶער אִיךְ קוּם צוּ בְּרֶענְגֶען כְּבוֹד אֱלוֹקַי, אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט?!"**

## עֶלְטֶערְן דַארְפְן לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט עֶלְטֶערְן אִינְדֶערְהֵיים; עֶלְטֶערְן דַארְפְן לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער - זֵיי צוּ קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין. לֵיידֶער זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס דֶער טַאטֶע אָדֶער דִי מַאמֶע הָאט נִישְׁט לִיבּ אַ זוּן אָדֶער אַ טָאכְטֶער, זֵיי זָאגְן: **"דֶער קִינְד הָאבּ אִיךְ נִישְׁט לִיבּ"**; אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ, אָבֶּער אִיךְ הֶער עֶס פוּן מֶענְטְשְׁן.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי עֶס אִיז דָא אִין דֶער וֶועלְט אַן עֶרְגֶערֶע נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע גֶעפִיל פוּן דֶעם! דֶער נָבִיא זָאגְט דָאךְ (יְשַׁעְיָהוּ מט, טו) **"הֲתִשְׁכַּח אִשָּׁה עוּלָהּ מֵרַחֵם בֶּן בִּטְנָהּ"**, קֶען דֶען אַ מַאמֶע פַארְגֶעסְן פוּן אַ קִינְד?! - אוּן נָאכְאַלְץ קֶען מֶען הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן נִישְׁט לִיבּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער!

וָואס זָאל מֶען טוּן אַז מֶען שְׁפִּירְט אַז מֶען הָאט נִישְׁט לִיבּ אַ קִינְד? - דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן מַיינֶע קִינְדֶער"**.

## אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ לִיסְטֶע

מַאכְטְס עֶנְק אַ לִיסְטֶע מִיט דִי נֶעמֶען פוּן אַלֶע תַּלְמִידִים, הַאלְטְס עֶס אִין שְׁטוּבּ, אוּן מַאכְסְט עֶנְק אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, 'דֶער תַּלְמִיד הָאט שׁוֹין בַּאקוּמֶען פוּן מִיר אַ גוּט וָוארְט, וַוייל עֶר קוּמְט אַלְץ צוּ נָאכְ'ן שִׁיעוּר זִיךְ בַּאדַאנְקֶען, וָואס וֶועט אָבֶּער זַיין מִיט דֶעם תַּלְמִיד וָואס הָאט נִישְׁט אַזַא נַאטוּר? אִיךְ דַארְף אִים מָארְגְן גֶעדֶענְקֶען צוּ גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט'.

## אַ קִינְד וָואס לוֹיפְט אַוֶועק פוּן אַ גוּט וָוארְט

אַ מְלַמֵּד הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט, וָואס קֶען מֶען טוּן מִיט אַ קִינְד וָואס וֶוען עֶר רוּפְט אִים אִין אַ זַייט אוּן גֶעבְּט אִים אַ גוּט וָוארְט, עֶר זָאגְט אִים: **"דוּ בִּיסְט אַזוֹי ווָאוִיל"**, **"דוּ בִּיסְט אַזוֹי פֵיין"**, פְרֶעגְט דֶער קִינְד צוּרִיק: **"אִיךְ קֶען שׁוֹין גֵיין? דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט?"**

אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט, קוּמֶענְדִיגֶע מָאל וֶוען דָאס קִינְד וֶועט פְרֶעגְן: **"אִיךְ קֶען שׁוֹין גֵיין?"** זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן: **"נֵיין, דוּ קֶענְסְט נָאכְנִישְׁט גֵיין, אִיךְ ווִיל דִיר עֶס נָאכְאַמָאל זָאגְן, 'דוּ בִּיסְט אַזַא טַייעֶר קִינְד!'"**

וֶוען מֶען גֶעבְּט אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ קִינְד אוּן דָאס קִינְד לוֹיפְט אַוֶועק, מֵיינְט נִישְׁט אַז דֶער קִינְד ווִיל דִיךְ נִישְׁט, נָאר דֶער קִינְד וֵוייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי מֶען נֶעמְט אוֹיף אַ גוּט וָוארְט, עֶס קֶען זַיין אַז דָאס קִינְד הָאט יֶעצְט דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין זַיין לֶעבְּן גֶעהֶערְט אַ גוּט וָוארְט.

עֶס זֶענֶען דָא שְׁטִיבֶּער וָואס עֶס פִּירְט זִיךְ זֵייעֶר שֵׁיין - אָבֶּער טֶעכְנִישׁ; זַאכְן פָארְן מַמָּשׁ מוֹרָא'דִיג, עֶס אִיז דָא אַ 'נַאכְטְמָאל צַייט', אַ 'בָּאדְן צַייט', אַ 'שְׁלָאפְן צַייט', אָבֶּער קֵיינֶער זָאגְט נִישְׁט פַאר דִי קִינְדֶער: **"פְּשְׁשְׁשׁ"**, **"בִּיסְט אַזוֹי טַייעֶר"**, **"בִּיסְט אַזוֹי ווָאוִיל"**, **"שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַזֶעלְכֶע קִינְדֶער"**, דֶערְפַאר דַארְף דָאס דֶער מְלַמֵּד זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער.

## דִי מוֹסָד זָאל נִישְׁט וֶוערְן ווִי אַ פָּאבְּלִיק סְקוּל

דֶער עִיקָר אִיז דָאס הַארְץ פוּן דֶער מְלַמֵּד, דֶער גְלֶעט אוּן גוּטֶע וֶוערְטֶער. אָךְ אוּן וֵויי אַז אוּנְזֶער מוֹסָד וֶועט וֶוערְן ווִי אַ גֶעהֶערִיגֶע שְׁטָאטִישֶׁע פָּאבְּלִיק סְקוּל, מֶען וֶועט קוּקְן וֶוער עֶס קֶען דִי בְּחִינָה, וֶוער עֶס בַּאקוּמְט אַ הוּנְדֶערְט בַּיים צֵייכְן, אָבֶּער עֶס וֶועט פֶעלְן דָאס הַארְץ צוּ דִי קִינְדֶער.

מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל לִיבּ הָאבְּן אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים"**, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין.

## צוּרִיק גֶעבְּן דִי מַלְכוּת פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

מֶען דַארְף לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער!

מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער פַארְוָואס בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר? צוּ הָאבְּן אַ מְלוּכָה?! אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר צוּרִיק צוּ גֶעבְּן דִי מַלְכוּת פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן ווִיסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, אוּן וֶוען זֵיי גֵייעֶן זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן אָדֶער עֶפֶּעס גֵייט אִיבֶּערְגֵיין אוֹיף זֵיי, זָאלְן זֵיי גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער"**.

## רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן גוּטֶע מִדּוֹת

אִיךְ ווִיל עֶנְק בֶּעטְן, רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן גוּטֶע מִידּוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט אִין צֶעטִיל קָטָן (אוֹת טז), אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן נָאר פַאר אֵיין סִיבָּה, צוּ צֶעבְּרֶעכְן זַיין נַאטוּר, אוּן אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז דִי בֶּעסְטֶע צַייט עֶס צוּ טוּן.

מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען צְווִישְׁן זִיךְ, אוּן קֵיינֶער זָאל נִישְׁט גֶעוֶועלְטִיגְן אוּן פַּיינִיגְן (אִין עֶנְגְלִישׁ רוּפְט מֶען עֶס 'בּוּלִיעֶן') אַ צְוֵוייטְן.

וֶוען מֶען זֶעט אִין חֵדֶר אַ קִינְד וָואס מַאכְט אַוֶועק אַ צְוֵוייטְן, דַארְף מֶען רֶעדְן צוּם קִינְד אוּן זָאגְן: **"פַארְוָואס מַאכְסְטוּ אַוֶועק אַ צְוֵוייטְן? עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע מִדָּה, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער'"**, אָדֶער אַז אַ קִינְד וָואס בְּרֶענְגְט יֶעדְן טָאג לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, דַארְף מֶען אִים זָאגְן: **"עֶס אִיז דָאךְ אַן עֶקְלְדִיגֶע זַאךְ צוּ רֶעדְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט רֶעדְן פוּן אַ צְוֵוייטְן"**.

אוֹיבּ מֶען זֶעט אַז עֶס אִיז דָא אַ קִינְד אִין כִּתָּה וָואס קֵיינֶער ווִיל זִיךְ נִישְׁט חַבֶרְ'ן מִיט אִים, דַארְף מֶען מַאכְן אַלֶע מִינֵי טְרִיקְס אַז דֶער קִינְד זָאל הָאבְּן חֲבֵרִים, דֶער קִינְד זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן.

מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דֶעם מִיט לִיבְּשַׁאפְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַז מֶען הָאט לִיבּ דִי קִינְדֶער, וֶועט מֶען מַצְלִיחַ זַיין אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין זֵיי גוּטֶע מִדּוֹת אוּן אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן.

## דִי דִיבּוּרִים גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי הֶערְצֶער

נָאךְ אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ דַארְפְן מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס ווִיסְן, וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר פוּן גוּטֶע מִדּוֹת, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"וֶוען מֶען פָארְט מִיט דִי שָׁאטְל (אִין שְׁטֶעטְל), אוּן עֶס קוּמֶען אַרוֹיף מַאמֶעס מִיט קִינְדֶער, אִיז נִישְׁט קַיין שֵׁיינֶע זַאךְ אַז קִינְדֶער זָאלְן בְּלַייבְּן זִיצְן אוּן דִי מַאמֶעס זָאלְן דַארְפְן שְׁטֵיין, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין אִידִישֶׁע זַאךְ; שְׁטֶעל זִיךְ אוֹיף פַאר אֵיינֶער וָואס אִיז עֶלְטֶער פוּן דִיר!"** - קֶען זַיין אַז יֶעצְט גֵייט נִישְׁט גֶעשֶׁען קַיין שׁוּם טוּישׁ, דִי קִינְדֶער וֶועלְן וַוייטֶער בְּלַייבְּן זִיצְן, אוּן עֶס קֶען אוֹיךְ זַיין אַז מֶען וֶועט נָאךְ צוּרִיק הֶערְן ווִי דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעלַאכְט אוּן חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן דִי עֶלְטֶערֶע.

מֶען דַארְף אָבֶּער ווִיסְן אַז אַלֶע דִיבּוּרִים גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי הֶערְצֶער, נָאר אַמָאל זֶעט מֶען גְלַייךְ ווִי עֶס אִיז אַרַיין, אוּן אַמָאל קֶען עֶס נֶעמֶען אַ

וָואךְ, אַ חוֹדֶשׁ, אוּן אַמָאל צֶען יָאר, אָבֶּער צוּם סוֹף וֶועט אַלֶעס אַרַיינְגֵיין.

עֶס אִיז דָא זֵייעֶר אַסַאךְ זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אִין חֵדֶר, אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טוּן, בַּיי דִי דְרֵיי אוּן פֶערְצִיג יָאר. אִין חֵדֶר בִּין אִיךְ נִישְׁט דָא גֶעוֶוען, מַיין קָאפּ אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אַז מַיין מְלַמֵּד הָאט גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ וִויל אִים נִישְׁט, אוּן בֶּאֱמֶת הָאבּ אִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעהַאט קֶעגְן מַיין מְלַמֵּד, נָאר אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד בִּין אִיךְ זוּמֶער גֶעוֶוען אִין סַאטְמֶער נֶעפֶּענֶעק קֶעמְפּ, גֶעדֶענְק אִיךְ וִוי מַיין גַאנְצֶע קָאפּ אִיז גֶעלִיגְן אִין בּוֹיעֶן בּוּדְקֶעס, דָאס הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר גוּט גֶעקֶענְט בּוֹיעֶן, אוֹיךְ הָאט אִיךְ גֶעמַאכְט גֶעדְרֵייטֶע וֶועגְן אִין וַואלְד מִיט שְׁטֵיינֶער אוּן צְוַויגְן, מֶען אִיז אַלְץ גֶעקוּמֶען צוּם מְנַהֵל ר' יוּדְל רָאזֶענְבֶּערְג עָלָיו הַשָּׁלוֹם זָאגְן אַז אִיךְ בִּין גֶעפֶערְלִיךְ, אָבֶּער ר' יוּדְל הָאט זִיךְ אַלְץ אָנְגֶענוּמֶען פַאר מִיר מִיט לִיבְּשַׁאפְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: **"עֶס קֶען נִישְׁט זַיין, עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, דֶער בָּארָא פַּארְקֶער דַיָּין'ס אַן אֵיינִיקְל אִיז אַ וואוֹילֶער אִינְגְל"**.

## אִיךְ הַאלְט מִיט יֶעדֶע פְּרַט פוּן דִי מוֹסָד

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ בַּאקוּם יֶעדְן טָאג אַ בַּארִיכְט פוּן יֶעדֶע פְּרַט פוּן דִי מוֹסָד.

סֵיי ר' מָרְדְּכַי - דֶער מְנַהֵל פוּן שְׁטֶעטְל, אוּן סֵיי ר' יִצְחָק - דֶער מְנַהֵל פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זָאגְן מִיר יֶעדְן טָאג אַרַיין אַ מֶעסֶעדְזְשׁ מִיט אַלֶע פְּרָטִים וָואס טוּט זִיךְ אִין דִי מוֹסָד, אוֹיךְ דִי מְנַהֶלֶת שְׁרַייבְּט מִיר יֶעדְן טָאג אַלֶעס וָואס טוּט זִיךְ אִין שׁוּלֶע. אִיךְ וִויל נִישְׁט אוֹיסְקוּקְן וִוי אַסַאךְ פְּלֶעצֶער וָואס עֶס שְׁטֵייט אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיפְן טָאוְול: **"בִּנְשִׂיאוּת כ"ק אַדְמוֹ"ר שְׁלִיטָ"א"**, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גָארְנִישְׁט מִיט דִי מוֹסָד, אוֹיסֶער אַז עֶר קוּמְט אֵיין מָאל אַ יָאר טֵיילְן גֶעבֶּענְטְשֶׁע מַטְבֵּעוֹת פַאר דִי קִינְדֶער...

אוֹיבּ עֶטְץ ווִילְטְס מֶען זָאל אִיבֶּער דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיי עֶנְק אִין כִּתָּה, זָאלְט עֶטְץ עֶס דֶערְצֵיילְן פַאר'ן מְנַהֵל, אוּן דֶער מְנַהֵל וֶועט מִיר עֶס שׁוֹין אִיבֶּער דֶערְצֵיילְן; דֶער מְנַהֵל גֶעבְּט מִיר אִיבֶּער יֶעדֶע פְּרַט פוּן דִי חֵדֶר, עֶר דֶערְצֵיילְט מִיר אוֹיךְ שְׁאֵלוֹת וָואס מְלַמְּדִים הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט. דִי מוֹסָד אִיז בַּיי מִיר דָאס עֶרְשְׁטֶע אוּן ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ.

## אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן גְרִיסְן

דִי וָואךְ הָאט מִיר דֶער מְנַהֵל ר' מָרְדְּכַי דֶערְצֵיילְט אַז אִין דִי יוּנְגֶע כִּיתּוֹת אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד וָואס הָאט גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע דֵייעֶרִיעֶ (שִׁלְשׁוּל), אוּן עֶר הָאט אַיינְגֶעמַאכְט אִינְמִיטְן כִּתָּה, אַנְשְׁטָאט דֶער מְלַמֵּד זָאל נֶעמֶען דֶעם קִינְד אִים פַאַרְשֶׁעמֶען אוּן זָאגְן: **"פֶּעךְ"**, **"דוּ עֶקְלְדִיגֶער אִינְגְל"**, **"אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין גֶעזָאגְט אַז מֶען טוּט עֶס נִישְׁט!"** - הָאט דֶער מְלַמֵּד זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט דֶעם קִינְד זֵייעֶר גֶעטְרֵיי, עֶר הָאט אִים גֶענוּמֶען אִין אַ זַייט אוּן זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט אִים מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

אִיךְ בִּין מוֹרָא'דִיג נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן דֶעם, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶס פַּאסִירְט אַזַא זַאךְ פְרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן גְרִיסְן וִוי אַזוֹי דֶער מְלַמֵּד הָאט זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיטְ'ן קִינְד מִיטְ'ן גְרֶעסְטְן מָאס וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט.

וִוי אַזוֹי מֶעג מֶען פַאַרְשֶׁעמֶען אַ קִינְד וָואס הָאט אַיינְגֶעמַאכְט? צִי קֶען דָאס נִישְׁט פַּאסִירְן בַּיי אַן עֶלְטֶערֶער מֶענְטְשׁ? עֶס הָאט שׁוֹין פַּאסִירְט אֲפִילוּ בַּיי עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן, וָואס אִיז דֶער קִינְד שׁוּלְדִיג?! וַוייל עֶר אִיז נָאךְ אַ קִינְד מֶעג מֶען אִים גֶעבְּן אַ שְׁטוּפּ אוּן זָאגְן: **"גֵיי שׁוֹין"**, **"רוּק דִיךְ שׁוֹין"**?!

## אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם קָאפּ פוּנֶעם מְחַנֵּךְ

דֶער מְנַהֵל פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז מִיר אַ מַתָּנָה פוּן הִימְל; עֶר פִירְט בִּיז דֶערְוַוייל סֵיי דִי חֵדֶר אוּן סֵיי דִי שׁוּלֶע אִין אַלֶע שְׁטֶעט וואוּ מִיר הָאבְּן מוֹסְדוֹת, עֶר פָארְט פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן מְחַזֵּק זַיין אוּן הֶעלְפְן וואוּ עֶס פֶעלְט אוֹיס; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר הָאט דִי כֹּחוֹת דֶערְצוּ. עֶר טוּט דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ אִין אָנְהֵייבּ גֶעטוּן וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי שְׁטֶעטְל, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוער עֶס גֶעדֶענְקְט עֶס נָאךְ; וֶוען מֶען הָאט גֶעעֶפְנְט דִי שְׁטֶעטְל הָאט מֶען גֶעעֶפְנְט דִי בֵּית פֵיגָא אִין אֵיינֶעמְ'ס בֶּעיסְמֶענְט, דִי לֶערֶערִין פְלֶעגְט מִיר שְׁרַייבְּן יֶעדְן טָאג אַז עֶס אִיז שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה, קֵיינֶער פָאלְגְט נִישְׁט, עֶס אִיז נִישְׁטָא מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן, זִי הַאלְט אַ דְרָשָׁה אוּן דִי קִינְדֶער לוֹיפְן אַרוֹיס אוּן לוֹיפְן אַרַיין, הָאבּ אִיךְ יֶעדְן צְוֵוייטְן טָאג גֶעמוּזְט אַרִיבֶּער קוּמֶען אַקֶערְן אוּן פְּלַאנְצְן אוֹיסְצוּלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען הַאלְט אַ כִּתָּה.

צוּ קֶענֶען הַאלְטְן אַ כִּתָּה אִין אָרְדְנוּנְג דַארְף מֶען נִישְׁט שְׁלָאגְן אָדֶער שְׁרֵייעֶן, עֶס אִיז פָּשׁוּט אַ לִימוּד וָואס מֶען דַארְף כַאפְּן, אוּן אֵיין מָאל מֶען כַאפְּט עֶס, אִיז עֶס אַ מְחַיֶּה. דֶער יְסוֹד אִיז, אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם קָאפּ פוּנֶעם מְחַנֵּךְ, אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד אָדֶער לֶערֶערִין וֵוייסְט אַז 'דִי קִינְדֶער דַארְפְן זִיצְן אוּן מֶען גֵייט זִיצְן', - וֶועלְן אַלֶע קִינְדֶער זִיצְן.

אַ טַאטֶע הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט: **"וָואס קֶען אִיךְ טוּן מִיט מַיין קִינְד וָואס זָאגְט 'אִיךְ נֶעם נִישְׁט דִי חוּמָשׁ אִין חֵדֶר וַוייל עֶס אִיז אַבִּיסְל צֶערִיסְן, אִיךְ דַארְף אַ נֵייעֶ חוּמָשׁ'?"** אִיךְ הָאבּ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"זָאג פַאר דַיין קִינְד: 'נֶעם דִי חוּמָשׁ אוּן גֵיי שֵׁיין אִין חֵדֶר!'"** - אַז מֶען וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז דֶער קִינְד דַארְף פָאלְגְן אוּן עֶר גֵייט פָאלְגְן - וֶועט דָאס קִינְד פָאלְגְן.

## נִישְׁטָא קַיין 'אוֹיבּ' יָא אָדֶער נִישְׁט

עֶס אִיז דָא אַ טָעוּת בַּיי עֶלְטֶערְן וָואס מֵיינֶען אַז מֶען דַארְף זָאגְן פַאר אַ קִינְד: **"אוֹיבּ דוּ גֵייסְט נֶעמֶען דֶעם חוּמָשׁ אִין חֵדֶר, גֵיי אִיךְ דִיךְ נֶעמֶען אוֹיף אַן אוֹיסְפְלוּג (טְרִיפּ), אָדֶער דוּ גֵייסְט קֶענֶען פָארְן מִיט אַ מָאטֶערְסֵייקְל"**, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי טַאטֶעס וָואס הַרְגְ'עֶנֶען זִיךְ אַלֵיינְס אָפּ, יֶעדֶע זַאךְ וָואס זֵיי פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער - קוּמְט מִיט אַ בַּאלוֹינוּנְג, נֶעבֶּעךְ, - וַוייל אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס, מֶען דַארְף נִישְׁט שְׁלָאגְן אוּן שְׁרֵייעֶן, מֶען דַארְף פָּשׁוּט זָאגְן פַאר אַ קִינְד וָואס עֶר דַארְף טוּן, אוּן דָאס וֶועט עֶס טוּן.

אוֹיךְ זָאגְט מֶען נִישְׁט פַאר קִינְדֶער: **"אוֹיבּ דוּ גֵייסְט דָאס טוּן - גֵייסְטוּ נִישְׁט קֶענֶען בַּאקוּמְט יֶענְץ!"** סְטְרַאשֶׁען וַוייזְט אוֹיף שְׁוַואכְקֵייט, דָאס אִיז שׁוֹין אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף זִיךְ שׁוֹין אַרָאפְּזֶעצְן מִיט כַאמַאס פַארְהַאנְדְלֶען... עֶס אִיז נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג; וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער אִיז נִישְׁטָא קַיין 'אוֹיבּ', נָאר מֶען זָאגְט וָואס זֵיי דַארְפְן טוּן.

## דֶער קִינְד אִיז אַ פְּרָאבֶּע

עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד, עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ לֶערֶערִין, אָבֶּער עֶס לוֹינְט זִיךְ, וַוייל אוֹיבּ אִיז בַּאשֶׁערְט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען אוֹיף דֶער וֶועלְט, קוּמְט מֶען אָפּ דֶער מוּטְשֶׁע וֶוען מֶען פְּלָאגְט זִיךְ מִיט תַּלְמִידִים.

אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ אוֹיךְ אַ גַאנְצְן טָאג מִיט מֶענְטְשְׁן, מִיט קִינְדֶער, מִיט בָּחוּרִים אוּן עֶלְטֶערֶע, אִיךְ וֵוייס אָבֶּער אַז מוּטְשֶׁען דַארְף מֶען זִיךְ סַיי וִוי, מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועקְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל דָאס זַיין מַיין מוּטְשֶׁע!

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן מְלַמֵּד, הָאט מִיר מַיין חַבֶר גֶעזָאגְט: **"יוֹאלִישׁ, הֶער מִיךְ גוּט אוֹיס, אוֹיבּ מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דַיין כִּתָּה אַ קִינְד וָואס דוּ קֶענְסְט נִישְׁט לַיידְן, אַ נֶערְווְן קְרִיכֶער, אַ קִינְד מִיט אַ רִינֶעדִיגֶע נָאז, אָדֶער וָואס מַאכְט אַיין, זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִים, וַוייל דָאס אִיז אַ פְּרָאבֶּע, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִים, וֶועט מֶען דִיר עֶס אַרֵיינְלֵייגְן אִין דַיין שְׁטוּבּ, וָואס פוּן דָארְט וֶועסְטוּ עֶס נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיסְטְרָאגְן!"** - זַיינֶע וֶוערְטֶער זֶענֶען מִיר זֵייעֶר אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער.

אַז מֶען טוּט מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער הָאט מֶען הַצְלָחָה בַּיי דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

## ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען אַרַיין אַ חֵשֶׁק אִין בָּחוּרִים אוֹיפְצוּשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

קוֹדֶם אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי פִילֶע חִיזוּק וָואס מִיר בַּאקוּמֶען פוּן אַייךְ דוּרְךְ אַייעֶרֶע גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים מִיט וָואס מִיר זֶענֶען זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּה.

מִיר הָאבְּן צְוֵויי בָּחוּרִים אִינְדֶערְהֵיים אוּן מִיר דַארְפְן הַדְרָכָה ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט זֵיי, ווִי אַזוֹי זֵיי מְחַנֵּךְ צוּ זַיין, ווִי אַזוֹי אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין זֵיי אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

בִּפְרַט ווִי אַזוֹי זֵיי זָאלְן הָאבְּן חֵשֶׁק אוֹיפְצוּשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זֵיי אַרוֹיסְצוּשְׁלֶעפְּן פוּן בֶּעט יֶעדְן צוּפְרִי.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מִקֵּץ - חֲנוּכָּה, ד׳ דַחֲנוּכָּה, כ״ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְטִיגֶע צַייטְן וֶוען דִי גַאס אִיז זֵייעֶר מְסוּכָּן דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן לִיבּ הָאבְּן זֵייעֶר הֵיים, דִי קִינְדֶער זָאלְן וֶועלְן פַארְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ אוּן זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: ״עֶס אִיז בַּיי מִיר חָשׁוּב צוּ מְחַנֵּךְ זַיין מַיינֶע קִינְדֶער, פּוּנְקְט ווִי אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת אוּן זָאגְן ׳תִּיקוּן חֲצוֹת׳״; אַז מֶען ווִיל אוֹיפְשְׁטֵיין בַּיי חֲצוֹת זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת, דַארְף מֶען זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן פְרִי, רֶבִּי נָתָן הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין שְׁלָאפְן פַאר זַיינֶע קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים וַוייל עֶר הָאט זֵיי גֶעוָואלְט מְחַנֵּךְ זַיין, עֶר הָאט גֶעוָואלְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע מִיט זֵיי, זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת, אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער וְכַדוֹמֶה. וַוייל אַ קִינְד וָואס זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִים שֵׁיינֶערְהֵייט דֶערְמַאנְט נַאכְט נָאךְ נַאכְט צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אִיז גְרִינְגֶער דָאס צוּ טוּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן; אַוַדַאי דַארְף יֶעדֶער מֶענְטְשׁ חִיזוּק, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ יֵצֶר הָרָע וְכוּ׳ וְכוּ׳, אָבֶער מִיט אַ גוּטֶע חִינוּךְ אִיז דָאס יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אִידִישְׁקֵייט אַיינְגֶעבַּאקְן אִין הַארְצְן.

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיר פְרֶעגְט ווִי אַזוֹי מֶען קֶען מַאכְן דִי בָּחוּרִים זָאלְן וֶועלְן אוֹיפְשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי; דָאס אִיז אַ פְרַאגֶע מִיט וָואס אַלֶע עֶלְטֶערְן מוּטְשֶׁען זִיךְ, אַלֶע זוּכְן עֵצוֹת ווִי אַזוֹי מֶען קֶען מַאכְן דִי בָּחוּרִים זָאלְן אוֹיפְשְׁטֵיין. מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט: ״מִיט גוּטְן פּוֹעֵל׳ט מֶען בֶּעסֶער ווִי מִיט שְׁלֶעכְטְן״; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״אוֹיבּ מֶען זֶעט אַז מֶען הָאט יָא גֶע׳פּוֹעֵל׳ט מִיט שְׁלֶעכְטְן, זָאל מֶען ווִיסְן אַז מֶען וָואלְט דָאס גֶעקֶענְט פּוֹעֵל׳ן אַסַאךְ גְרִינְגֶער אוּן שְׁנֶעלֶער מִיט גוּטְן״; אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ בָּחוּר אִיז מִיר אוֹיךְ שְׁוֶוער גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פַארְטָאגְס וְכוּ׳, פְלֶעגְט מַיין מַאמֶע - זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק - זִיצְן בַּיי מַיין בֶּעט פַארְטָאגְס אוּן מִיר וֶועקְן, זִי הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעבֶּעטְן בַּיי מִיר אִיךְ זָאל אוֹיפְשְׁטֵיין, זִי פְלֶעגְט רֶעדְן אַזוֹי שֵׁיין אוּן זִינְגֶען נִיגוּנִים אִיךְ זָאל גֵיין לֶערְנֶען, אַז אִיךְ הָאבּ גֶעמוּזְט אוֹיפְשְׁטֵיין. וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט שֵׁיינֶעם צוּ דִי קִינְדֶער וֶועלְן זֵיי זִיכֶער פָאלְגְן.

מוֹהַרְאַ״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעצוֹיגְן קַיין מַארְמָארָאשׁ וואוּ עֶס הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: ״ווִי אַזוֹי וֶועט דֶער רֶבִּי קֶענֶען פּוֹעֵל׳ן בַּיי דִי מַארְמָארָאשֶׁע אִידְן זֵיי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין?״ הָאט זֵיי דֶער אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אִיךְ וֶועל זֵיי אַזוֹי לִיבּ הָאבְּן, בִּיז זֵיי וֶועלְן פָאלְגְן וָואס אִיךְ לֶערְן זֵיי, אוּן וָואס אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן זֵיי״; זֶעט מֶען אַז מִיט לִיבְּשַׁאפְט קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵל׳ן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין קז:): ״לְעוֹלָם תְּהֵא שְׂמֹאל דוֹחֶה, וִימִין מְקָרֶבֶת״; וֶוען עֶס קוּמְט מְחַנֵּךְ צוּ זַיין קִינְדֶער אָדֶער תַּלְמִידִים, דַארְף מֶען טַאקֶע זָאגְן מוּסָר, אָבֶער מִיט דִי רֶעכְטֶע הַאנְט זָאל מֶען זֵיי מְחַזֵּק זַיין, דָאס הֵייסְט מֶען דַארְף גֶעבְּן מֶער חִיזוּק אוּן מֶער לִיבְּשַׁאפְט, ווִי אַוֶועקְשְׁטוּפְּן.

דֶער אֱמֶת אִיז, וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, דֶעמָאלְט אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער צַייט פוּן חִינוּךְ, דֶעמָאלְט אִיז דֶער צַייט פוּן ״שְׂמֹאל דוֹחֶה״, זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. קִינְדֶער זָאלְן ווִיסְן אַז אַ וָוארְט פוּן טַאטֶע מַאמֶע אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁפַּארְן וְכוּ׳. וֶוען מֶען דֶערְזֶעט זִיךְ שׁוֹין מִיט קִינְדֶער פוּן פֶערְצְן יָאר אוּן הֶעכֶער, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען שׁוֹין זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט פַארְלִירְן, מֶען דַארְף מֶער פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי וְכוּ׳, דֶעמָאלְט אִיז דֶער צַייט פוּן ״יְמִין מְקָרֶבֶת״.

לֵיידֶער זֶעט מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת וואוּ מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, שְׁפֶּעטֶער וֶועקְט מֶען זִיךְ אוֹיף - וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין עֶלְטֶער, אָבֶער דֶעמָאלְט דַארְף מֶען שׁוֹין אַכְט גֶעבְּן מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט פַארְלִירְן.

נָאךְ אַלֶע עֵצוֹת דַארְף מֶען גוּט ווִיסְן אַז דֶער עִיקָּר עֵצָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער אִיז ״תְּפִילָּה״; מוֹהַרְאַ״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער; הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, אוּן דָאס גֶעווִיזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: ״דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וואוּ זִי פְלֶעגְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אוֹיסְוֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער״. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער אוּן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן דִי וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער, אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

(עצתו אמונה חלק ב׳, מכתב קמה)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876